בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת לך לך




## עשה לך רב

### לוט איז נישט געווען סתם א מענטש

**אין** פרשת לך לך ליינען מיר איבער די גרויסקייט פון לוט דער פלומעניק פון אברהם אבינו, איר וועט געדענקן אז ווען אברהם איז באפוילען געווארן דורך הקב"ה איבערצולאזן זיין הויז צו גיין צו לאנד כנען האט לוט מסכים געווען אינטערצונעמען דעם לאנגען וועג מיט אים, דאס איז געווען א אויסטערלישע זאך וואס לוט האט געטון, לוט האט נישט געדארפט גיין מיט אים, ער וואלט געקענט בלייבן אין חרן מיט זיין משפחה, דאס וואס ער האט געטוהן איז געווען א גרויסע מסירת נפש אין יענע צייטן, ווייל עס האט אריין געצויגען אין זייער גרויסע שווערעקייטן, אין יענע צייט האט א מענטש געהאט נאר משפחה רעכטן, און א פרעמדע מענטש אין א נייע לאנד האט געקענט ווערן אינטערדריקט. נאר גרויסע משפחות, די גרופעס, זיי האבן זיך געקענט ערמעגליכען צו ווערן באשיצט, און וועגן דעם פאר לוט צו ווערן א גר אין א פרעמדע לאנד, ווען ער האט געהאט זיין אייגענע גרויסע משפחה אין חרן איז געווען א גרויסע מסירות נפש, אבער ער האט געמאכט די מסירות נפש מכח זיין נאמנות צו זיין רבי'ן. **ווי** מיין רבי גייט דארט גיי איך אויך. לוט דער באגלייבטער תלמיד וועט נישט איבערלאזן זיין רבי אפילו אינטער די שווערסטע מצבים. עס איז געווען זייער א גרויסע זאך, טראכט'ס נישט עס איז געווען א קליינע זאך.

**מיר** ווייסן אז לוט איז געווארן א גרויסער מענטש. אין קאנטראסט וואס געוויסע מענטשן טראכטן, איז לוט געווארן א אויסנאם גרויסער מענטש אינטער אברהם. לוט איז נישט געווען  ווי געוויסע מענטשן טראכטן, א גארנישט, א שיכור. ער איז שוין געווען גאר עפעס. איר זאלט  וויסן אז לוט איז אויסגעוועלט געווארן צו זיין די זיידע פון משיח פון זיין מאמע'ס זייט, שפילט נישט אראפ די גרויסקייט פון לוט, ער האט זיך זייער גוט צוגעהערט וואס אברהם האט אים געלערנט פאר אסאך יארן, און ער האט געקענט איבער זאגן אלע שיעורים. אזוי ווי עס איז דא אין געוויסע פלעצער און געוויסע ישיבות, נאכדעם וואס דער ראש ישיבה פארטיגט דעם שיעור זאגט דער מצויינ'דיגע תלמיד איבער דעם גאנצן שיעור פאר די איבריגע תלמידים. מען פלעגט עס רופן דער "איבערזאגער". דאס איז געווען לוט, ער פלעגט זיך גוט צוהערן און

זיכער מאכן אלץ צו זיין  נאנט צו זיין רבי'ן, און ווייל ער האט געברויכט אברהם זאל אים ווייזן דעם ריכטיגען וועג האט ער זיך מוסר נפש געווען, ער איז גרייט געווען צו טוהן די גרעסטע שוועריקייטן, צו בלייבן נאנט צו זיין רבי, די איינציגסטע סיבה וואס האט אים צוגעברענגט צו מאכן די גרעסטע טעות אין זיין לעבן, איז ווען ער האט אנגעהויבן צו האלטן פון זיך, ער האט אנגעהויבן צו טראכטן אז ער קען שוין אליינס, ער דארף שוין נישט זיין רבי.

## די כנענים האבן צוגרינד געלייגט די געגענד

**וואס** איז געשען? שטייט אין פסוק **ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט**, און עס האט זיך אנגעהויבן א קריגעריי צווישן די פאסטוכער פון אברהם'ס בהמות און די פאסטוכער פון לוט'ס בהמות. וואס איז געווען די קריגעריי? זאגט אונז די פסוק ווייטער והכנעני והפריזי אז בארץ, די כנענים זענען דעמאלס געווען אין לאנד, וואס מיינט דאס אז זיי זענען דעמאלס געווען  אינעם לאנד וואס האט דאס צוטוהן מיט די קריגעריי צווישן די פאסטוכער? פשט איז: אז די כנענים האבן זיך באזעצט אינעם לאנד וואס באלאנגט נישט צו זיי, די לאנד כנען איז געווען די לאנד פון די בני שם די אייניקלעך פון שם די בעסטע פון נח'ס קינדער, וועגן דעם זאגט די תורה אז ווען אברהם איז אריין געקומען אין ארץ כנען, **הכנעני והפריזי אז בארץ**, די כנענים האבן זיך באזעצט אין א לאנד וואס באלאנגט נישט צו זיי,

און דאס איז געווען א גרויסע צער פאר די קינדער פון שם. איר ווייסט אז חם איז געווען אבי כנען די טאטע פון די כנענים, זיי זענען געווען נידריגע קלאס מענטשן, און די קינדער פון שם האבן אראפגעקוקט אויף די כנענים. עס איז אזוי ווי שלעכטע קוואליטעיט מענטשן קומען אריין וואוינען אין א באזעצטע געגענט. זיי לייגן צוגרינד די געגענט און זיי שטיפן ארויס די אריגענעלע העכערע קלאס איינוואונער פאר וועם די געגענט באלאנגט באמת. ממילא זענען די מענטשן פון שם געווען שרעקליך אויפגערעגט אויף וואס עס גייט פאר, און זיי האבן געקוקט מיט ווייניג הנאה אויף די אקאפירער וואס האבן איבערגענומען, זיי זענען געווען נידריג, זיי זענען געווען זייער שלעכטע די מענטשן, זיי האבן געהאט אומאראליש'ע געוואוינהייטן און מערדעריי, גענוג שלעכטע אז צום סוף איז מען באפוילן געווארן זיי צו פארטיליגן, און וועגן דעם האבן די קינדער פון שם זיי פיינט געהאט.

## די חשבון פון לוט'ס פאסטוכער

**וועגן** דעם ווען לוט'ס פאסטוכער האבן געזען ווי די נידריגע כנענים באקומען זיך אריין און נעמען איבער דאס לאנד, האבן זיי זיך צוזאם געגומען און געזאגט, פון היינט און ווייטער גיי מיר מער נישט אויס פאלגן איינס פון די באפעלן וואס אברהם האט אונז באפוילן. ווייל ווען מען פירט די סטאדע בהמות צו פאשענען איז דא פלעצער וואס זענען הפקר אזוי ווי וועלדער, אבער ווען מען פירט אהין די בהמות דארף מען דורך גיין פעלדער וואס באלאנגט פאר יחידים. און אברהם האט נישט געוואלט אז די בהמות זאלן פאשענען

אין פריוואטע פעלדער, האט ער באפוילן די פאסטוכער ארויף צו לייגן א מויל שלאס אויף יעדע בהמה ווען מען גייט ארויס פאשענען, אויף אלע בהמות, שעפ, ציגן אקסן, קיען, אלעס האט געמוזט האבן א מויל שלאס. דאס איז געווען א גרויסע ארבעט. פארן ארויסגיין האט מען געמוזט ארויף לייגן אויף יעדע איינציגע בהמה, און ווען זיי זענען אנגעקומען צו די וועלדער האט מען אראפ גענומען פון יעדע בהמה, און סוף טאג ווען זיי האבן געענדיגט פאשענען האט מען געמוזט צוריקלייגן און מען איז אהיים געגאנגען, און ווען מען איז שוין ענדליך אנגעקומען אהיים, האט מען עס ווידער געדארפט אראפ נעמען, דאס איז געווען ארבעט, כסדר ארויפלייגן און אראפ נעמען, און זיי האבן נישט ליב געהאט די איבריגע ארבעט. ממילא ווען לוט'ס פאסטוכער האבן געזען די פעלדער וואס האבן אמאל באלאנגט פאר די קינדער פון שם ווערן יעצט צוגענומען דורך די אומגעווינטשענע געסט, די משפחה פון כנען, וואס האבן נישט געהאט קיין רעכט צום לאנד, האבן זיך לוט'ס פאסטוכער בארעכנט אז עס איז א שאד די צייט ארויפצולייגן די שלעסער אויף די בהמות, אונז וועל מיר לאזן די סטאדע דורך גיין דורך די פעלדער, און אויב זיי וועלן נעמען א ביס פון די גראז אויפן וועג וועט נישט זיין געפערליך. און זיי האבן געהאט גוטע טענות, הקב"ה האט צוגעזאגט דאס לאנד פאר אברהם, און אברהם האט נישט קיין יורש נאר לוט, אונזער הער לוט גייט מיט די צייט זיין דער יורש, מיט די צייט גייט עס דאך סייווי זיין זיינס, און יעצט די נידריגע מענטשן האבן סיי ווי נישט קיין רעכט צו האבן די פעלדער, און צום לאנד, וואס דארפן מיר אונז זיך מוטשענען מיט די מויל שלעסער, ממילא האבן זיי נישט אויסגעפאלגט אברהם'ס באפעל, זיי האבן געהאלטן זיי האבן א גוטע טענה, און זיי האבן געזאגט נישט אלעמאל מוזען מיר זיך צו הערן צו אברהם, אונז ווייס מיר אויך ווי אזוי צו טראכטן,

און דאס איז די קריגעריי וואס אונז ליין מיר אין די פסוקים, ווייל אברהם'ס פאסטוכער האבן געטענה'ט עס איז נישט ריכטיג, אברהם איז אונזער רבי, און ער האט געזאגט אז מען דארף ארויפלייגן מויל שלעסער, עס איז גזל צו לאזן די בהמות עסן פון די גראז פון פרעמדע פעלדער בשעת'ן דורך גיין, אברהם'ס פאסטוכער זענען נישט געווען אינטערסירט און די חשבונות און די תירוצים פון לוט'ס חברה, די רבי האט געזאגט ניין און דאס איז עס, און לוט דער גרויסער תלמיד פון אברהם האט יעצט געמאכט דעם גרעסטן טראגישן טעות אין זיין לעבן, ער האט מיט געהאלטן מיט זיינע פאסטוכער, ער האט זיי געשטיצט אין זייער קריגעריי מיט די פאסטוכער פון אברהם.

## א מענטש זאל אייביג זיין נעבן זיין רבי'ן

**אונז** פארמאג מיר א מצוה, א וויכטיגע מצוה, **לעולם ידור אדם במקום רבו**, א מענטש זאל אייביג וואוינען אין די פלאץ ווי זיין רבי איז (ברכות ח ע"א), א מענטש זאל פרובירען צו זיין ווי נאנטער עס איז מעגליך כדי צו ווערן געזעהן פאר עהם אלעמאל צו זיין מיט עהם אלעמאל, האט זיין פרוי עפעס ארייין צו זאגן אין דעם? ניין!! דאס איז עס, די תורה האט שוין ארויף געלייגט די געזעץ, **לעולם**, אייביג, און דאס איז

אפילו דו ביסט שוין עלטער, דו ביסט שוין אן ערוואקסענער, דו ביסט שוין א גברא רבה, א גרויסע מענטש, עכ"פ דו האלסט אזוי, אפשר ביסטו שוין חתונה געהאט, דו האסט שוין קינדער, אפילו אייניקלעך, ממילא טראכסטו אז דו ביסט שוין עפעס, ניין, לעולם מיינט אייביג, דו זאלסט זיין די נענסטע וואס דו קענסט, כדי דו זאלסט קענען זען דיין רבי אלעמאל, און ער זאל דיך קענען זען אלעמאל, דו מוזט אלעמאל בלייבן אונטער די אויפזיכט פון אן אנדערען און עס איז נישט נאר א מידת חסידות, עס איז א מצווה פון די תורה, די תורה זאגט **ולדבקה בו** אין דו זאלסט זיך באהעפטן צום באשעפער, (דברים ל. כ.) די קשיא איז ווי אזוי קענסטו זיך באהעפטן צו הקב'ה ווי אזוי איז מעגליך ארויף צו גיין אין הימל כדי זיך צו באהעפטן צו הקב"ה, אריין קריכן אין ארון קודש צו בלייבן דארט? און די חכמים זאגן אונז (ספרי) וואס עס מיינט, **הדבק בחכמים ובתלמידיהם**, באהעפט דיך צו די חכמים און צו זייערע תלמידים, עס איז א מצוה צו זיין צוזאמען מיט חכמים, צו זיינס איינס מיט זיי אין צו בלייבן שטענדיג נעבן זיי (רמב"ם ספר המצוות מצות עשה ו') דאס איז די הסבר פון די מצוה.

## להשיא בתו לתלמיד חכמים

**אויב** דו ביסט א בת ישראל, א יונגע בת ישראל, זע זאלסט חתונה האבן צו א תלמיד חכם הייב אן צו שפארן געלט, און אויב ער איז יעצט נאכנישט א גרויסער תלמיד חכם, מאך עס דיין ביזנעס עם צו מאכן דאס גרעסטע וואס דו קענסט, וויבאלד דאס איז די ריכטיגע דיבוק תלמידי חכמים. דו האסט חתונה צו א יונגען מענטש, און דו געסט אים אריין דעם חשק און דו שטיפסט אים ביז ער ווערט א גרויסע תלמיד חכם און נאכדעם ביסטו באהאפטן צו הקב"ה, דיין גאנצע לעבן. דאס ווערט אנגערופן די אמת'דיגע דיבוק און דאס איז די בעסטע וועג. און אויב דו ביסט שוין חתונה געהאט א לאנגע צייט קענסטו נאך אלץ טון וואס דו קענסט צו געבן חשק פאר דיין מאן און קינדער,

א מאנספערזאן, מאך דיך אליינס פאר א תלמיד חכם, און דו וועסט דיך באהעפטן צו דיר אבער סיי וויאזוי וועסטו די דיך מוזען באהעפטן צו תלמידי חכמים, דו מוזט זיין צוזאמען מיט חכמים און זיך באהעפטן צו זיי, און נישט לאזן לויפן, און דאס איז די מצוה פון **ולדבקה בו**, אזוי וועסטו דיך  באהעפטן צום באשעפער,

אבער עס איז דא איין וויכטיכע תנאי און דאס איז **דכייף ליה לרביה**, אז ער ווארפט זיך אונטער צו זיין רבי (ברכות ח ע'א) ער דארף זיך פילן נכנע צו זיין רבי, ער דארף זיך דורכקומען מיט זיין רבי, און ער דארף זיין גרייט צו פארנעמען זיין קריטיק , ווייל דאס איז דאך פארוואס ער וואוינט נעבן אים, צו לערנען וועגן זיך, צו הערן קריטיק און זיך פארבעסערן אבער אויב ער פילט זיך אייניג, אדער אפילו נישט אייניג אבער גענוג "נישט צו זיין כייף לרביה", קומט אויס אז ער איז נישט גרייט צו פארנעמען די קריטיק און די הדרכה פון א צווייטן, דאס איז די אנפאנג פון דורכפאלן און די תכלית פון לעבן.

איך קען ענק פארציילן פון מיין אייגענע ערפארונג, איך בין שוין אין דעם געשעפט

פאר א לאנגע צייט. עס איז אמאל געווען, א מענטש איז דא געקומען און איך האב אים מקרב געווען, איך בין געווען פריינטליך צו אים, איך בין ארויס פון מיין וועג צו זיין פריינטליך צו אים, ביי זיין שבע ברכות בין איך געטאנצן ארויף און אראפ ארויף און אראפ פאר א לאנגע צייט. איינמאל איז זיין ווייב געקומען און פארציילט אז ער קנס'עט איר, ער געט איר נישט קיין געלט, ווען ער האט א פראבלעם, געט ער איר נישט קיין געלט, פאר פינף דאללאר דארף זי זיך קומען בעטן צו אים דאס איז זיין וועג פון קנס'ן, האב איך אים גערופן איך האב גערעדט צו אים, און ער זאגט מיר אז די הלכה אין די תורה איז אז די געלט באלאנגט צום מאן, ער זאגט מיר די הלכה פון די תורה, און ער איז געווארן אזוי אפגעקילט אז ער האט אויפגעהערט קומען, ער איז אפילו אביסל נישט געווען כייף, ער האט אביסל אויסגעהערט אמת וועגן זיך וואס ער האט נישט געוואלט הערן, און ער איז אוועק געלאפן, עס איז א טראגעדיע נישט פאר אונז, פאר אים איז עס געווען א טראגעדיע, עס איז א רחמנות אויף דעם מענטש ווייל ער איז נישט אינעם ריכטונג צו א פרייליך לעבן,

עס איז א גרויס רחמנות אז מענטשן ווילן נישט באמת מען זאל זיי ווייזען דעם וועג, זיי ווילן נאר מען זאל זיך שיין באגיין צו זיי מיט זיידענע הענטשוך, זיי ווילן נישט זיין כייף, זיי ווילן נישט זיין אונטערגעווארפן צו איינעם וואס גייט רעדן דעם אמת.

## די רבי'ס זעהן אונז מיט א תורה'דיגע בליק

**געט** א קוק, א יאר צוריק אדער אפשר צוויי יאר האב איך געהאט א גרופע יונגע מענטשן וואס זענען מיך געקומען באזוכן פאר א געוויסע סיבה, איינער האט זיי געברענגט מיך צו זען, איך האב געוויסט אז איינער פון זיי פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, האב איך זיי געזאגט עס וועט קומען א צייט וואס פארדעם וואס איר טוט וועט ארויס קומען בלוט פון אייער גוף פון אזעלכע פלעצער וואס איר האט נישט געטראכט אז בלוט קען ארויס קומען. זיי האבן געעפענט גרויסע אויגן און זיי זענען מער נישט צוריק געקומען, און דאס איז א רחמנות וויבאלד די גרעסטע ריוח צו זיין ארום חכמים, איז אז די חכמים האבן אנדערע אויגן ווי איר האט, זיי זען אייער אויפפירונג דורך די גלאז פון א תורה'דיגע טראכט, איר טראכט איר זענט עפעס אויסערגעוועגטליך, איר טראכט איר זענט א גוטער מענטש, איר וועט זאגן אוודאי ווייס איך אז איך בין נישט א מושלם אבער כמעט נאנט צו דעם, דאס איז וואס איר טראכט, איר זענט גאנץ גוט, און וועגן דעם איז נאר אנדערע מענטשן מיט שארפע אויגן און א שארפע צונג וואס קענען ענק פירן דורך באטראכטן אלע אייערע מעשים, און זיי וועלן קריטיקירן, און אפשר אנשרייען ווען עס פעלט זיך אויס, דאס איז פארוואס עט'ס דארפטס א רבי, ענק צו זאגן וואס איז נישט גוט און ענק אראפ רייסן אויך, און אויב איר זענט נישט גרייט אראפ צו בייגן דעם קאפ און צוהערן דעמאלטס ווארפט איר אוועק איינס פון די גרעסטע געלעגענהייטן אין לעבן.

# לייענט די גליון יעדע וואך
# אין קונטרס גליונות לש"ק




gilyonosshabbos@gmail.com

# הדפסה והפצה

מעלדונג

צו מנדב זיין הפצת הגליון א וואך

לע"נ, לרגל השמחה, לזכות וכדו'

אדער פשוט ווייל איר האט הנאה אז עס ווערט פארשפרייט

און איר ווילט עס זאל אנהאלטען

רופט 718-757-1681

# נאר אויב איינער לערנט דיך וועסטו דורכזען די טינקעלקייט.

## שאלה

**טראכט דער רב אז עס איז א גוטע געדאנק צו פרובירען דאווענען ביי א מנין וואס איז דא ברכת כהנים יעדן טאג?**

## תשובה

**דאס** ווענדט זיך פון ווי איר קומט און ווער דו ביסט, איך וויל דא צולייגן אן הגה'ה איבער אן אנדערע זאך, עס איז דא צדיקים וואס דאווענען וותיקין זייער פרי. עס איז א גרויסע זאך אבער איך מוז מאכן אן הגה'ה, שבת דאווענען זיי אויך וותיקין און זיי פארלירען די געלעגענהייט צו הערן אביסל ירא שמים פון איינעם וואס רעדט, זיי קומען זיך צוזאמען פאר מנין זיי דאווענען שנעל און זיי גייען אהיים, אנשטאט צו דאווענען אין א פלאץ ווי עס איז דא א רב און אמאל וועט ער רעדן אפאר דברי מוסר, עס איז א ווערטפולע געלעגענהייט, און עס איז מער וויכטיג פון וותיקין.

**עשה** לך רב מיינט אייביג זאלסטו זיין אין א פלאץ ווי עס איז דא א רב איינער וואס וועט דיך זאגן עפעס, מיין נישט אז דו ווייסט אלעס, עס איז נישט דא קיין סוף צו די מאס אינפערמאציע וואס פעלט זיך אויס צו וויסן דעם דרך השם, אבער די מענטשן וואס גייען שבת צופרי דאווענען וותיקין, זיי זענען אזוי שטאלץ אין פרייליך ווען זיי קומען ארויס פרי, אין זיי קומען ארויס אן קיין שום שיעור זיי זענען גארנישט בעסער פון א וואך צוריק, קיינער זאגט זיי נישט אז זיי טוען עפעס נישט גיט און דאס איז א פראבלעם.

**א** מענטש שפאצירט אין בלינדקייט זיין גאנץ לעבן, צו ווייסט איר וויפיל שוואכקייט אין כאראקטער מענטשן האבן, איינער מוז דיך קריטיריקירן! דיין עקרת הבית איז נישט גענוג, איר דארפט געוויסע אינסטראקציע, ווי אזוי דען וועט איר וויסן דעם אמת, אונז לעב מיר אין א וועלט פון טינקעלקייט, **הנה חושך יכסה ארץ**, די וועלט איז באדעקט מיט פינסטערנישט, אונז שפאציר מיר אין טינקעלקייט און אונז זעמיר בלינד צום אמת, נאר אויב איינער לערנט דיך קענסטו דורך זען די טינקעלקייט, דו דארפסט האבן איינער זאל דיר זאגן, עס איז נישט דא קיינער ביי וותיקין וואס זאל דיר זאגן, די מענטשן וואס דאווענען דארט טראכטן מן הסתם אז דאס איז די בעסטע זאך, ניין, איך טראכט נישט עס איז די בעסטע זאך.

**שאלות און תשובות**

מיט

ר' אביגדור מיללער זצ"ל